ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# רשימת זכרונות

## כתובים בידי הרבנית הצדקנית
## מרת **חנה** ע"ה ז"ל

אשת כ"ק הרה"ג והרה"ח המקובל

## מוהר"ר ר' לוי יצחק

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

הוריו של כבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

זצוקללה"ה נבג"מ זי"ע

**שניאורסאהן**

מליובאוויטש

•

יוצא לאור על ידי מערכת

**„אוצר החסידים"**

770 איסטערן פאַרקוויי — ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שבעים ושתים לבריאה

שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ"ק אדמו"ר הזקן

ב״ה.

# פתח דבר

הננו מו״ל בזה חוברת ל״ט של „זכרונות״ שנרשמו ע״י הרבנית הצדקנית מרת חנה ע״ה, אמו של כ״ק אדמו״ר זי״ע.

בהוצאה זו, באה הרשימה כפי שנעתקה מכתב־ידה של הרבנית, ולאח״ז גם בתרגום ללה״ק, ובתוספת ציונים והערות בשוה״ג, כמבואר בפרטיות ב„פתח דבר״ לחוברת הראשונה.

בהשגחה פרטית הותחלה הדפסת „רשימת הזכרונות״ בסמיכות ליום ההילולא וא״ו תשרי, ועתה מדפיסים את החוברת האחרונה בסמיכות ליום ההילולא כ״ף מנחם־אב. ואי״ה בקרוב יודפסו ה„זכרונות״ בספר בפ״ע עם תיקונים והערות שהגיעו לידינו אחרי הדפסת הקונטרסים הבודדים. כן יבואו בספר הוספות של כמה מכתבי הרבנית חנה שהגיעו לידינו, ועוד כמה ענינים הקשורים לרשימות אלו.

*

ויהי רצון שההוספה בהפצת המעיינות חוצה, תזרז את הגאולה האמיתית והשלימה ע״י משיח צדקנו, בקרוב ממש.

**מערכת „אוצר החסידים״**

וער״ק, ואתחנן, חמשה עשר באב, ה׳תשע״ב
שנת המאתיים להסתלקות־הילולא של כ״ק אדמו״ר הזקן
ברוקלין, נ.י.


**RESHIMAS ZICHRONOS**

KESUVIM BIDEI HARABANIS HATZIDKANIS
MARAS CHANA

INSTALLMENT 39



Published and Copyrighted © 2012
by



**KEHOT PUBLICATION SOCIETY**
770 Eastern Parkway / Brooklyn, New York 11213
(718) 774-4000 / Fax (718) 774-2718
editor@kehot.com

**Orders:**
291 Kingston Avenue / Brooklyn, New York 11213
(718) 778-0226 / Fax (718) 778-4148
www.kehot.com



All rights reserved.

The Kehot logo is a trademark of Merkos L'Inyonei Chinuch.



*Manufactured in the United States of America*

---

נסדר והוכן לדפוס על ידי חיים שאול בן חנה

נדפס בדפוס: The PrintHouse 538 Johnson Ave. Brooklyn N.Y. 11237 (718) 628-6700

## ב״ה ח׳ אלול תשי״ח

שוין עטליכע טעג אַז עס גלוסט זיך זייער שרייבן אַ ביסל.

איך האָב געפילט אין געזונט ניט גאָר גוט. עס איז דורכגעגאַנגען דאַנקען ג־ט. איך האָב אָבער גענומען דעם העפט אין האַנט, איז באַ מיר געוואָרן אַ ספק צו זאָל איך צורייסן די פריער אָנגעשריבענע, אויב דער זון זאָל לעבן וועט אַמאָל לייענען, נאָך וואָס אים ווײַ טאָן? אָבער דאָס האָב איך פונדעסטוועגן ניט געטאָן.

* * *

## ה׳ חשון [תשי״ט].

דורכגעגאַנגען דער חודש תשרי. ג״ג אַלע זאָלן זיין געזונט.

איך האָב זיך „קאָמפּאָסירט״[559] מיט דעם זונ׳ס יחי׳ „אויספּעהען״[560], דאָס האָט מיר געגעבן אַזוי פיל חיות און הנאה.

* * *

# דער יום הולדת פון מיין איניקל

## [שלהי חשון תשי״ט].

געווען די טעג דער יום הולדת פון מיין איין און איינאיינציקער איניקל דאַליע תחי׳[517]. עס איז איר געוואָרן פערצן יאָר צו לייגע גוטע יאָר.

איך קען איר ניט, און איר טאַטן האָב איך ניט געזען ניין און צוואַנציק יאָר[515]. עס איז זייער אַ טוט־ווייער אָרט, און גאָט ווייס וואָס וועט זיין ווייטער?!

559) פיציתי את עצמי. כלומר: הרבנית רואה בהישגיו של בנה הרבי מעין פיצוי על בדידותה.

560) הספק, הישגים.

עס ווילט זיך וועגן דעם ניט טראַכטן, אָבער אפילו מיט דעם שכל אָן דער האַרץ איז דאָס אויך ניט גאָר, על־פי כל־הדעות, ווי עס דאַרף צו זיין.

נאָך אַלע איבערלעבענישן, מיט אַזאַ ביטערן סוף פון מיין מאַן ז״ל... וואָס עס טוט זיך אין רוסלאַנד ווייס איך אויך ניט. אַז עס וואָלט געווען עפּעס גוטעס, גלייב איך אַז איך וואָלט עפּעס געוואוסט[561]...

ווייזט זיך מיר אויס אַז איך בין באַרעכטיקט אויף צו זען זיך. נו, גיי מאַך!

בריף, ניט אָפט האָב איך, איך דערפרייי זיך אַז איך דערזע דעם כתב, אָבער ווייסן ווייס איך כמעט גאָר ניט, וואָס עס גלוסט זיך וויסן.

* * *

## דעם רבי'נס בר־מצוה

### מוצש״ק ר״ח אדר א׳ תשי״ט.

אַזוי ווי עס איז אויף אַ גוטע וואָך, און ראש חודש, נאָך אדר, וואָס מען איז „מרבים בשמחה״[562], דאַרף מען שרייבן מיט אַ גוטער שטימונג.

אַלזאָ, אַזוי ווי איך זיץ אַליין אין שטוב, און גאַנץ 'אומעטיק', פון דעם כ״ח בטבת בין איך אַריין אין דעם יאָר שבעים ותשע, אַ דאַנק ג־ט וואָס איך האַלט זיך נאָך ביז איצט אין דעם צושטאַנד, גייסטיק און פיזיש, אָבער וואָס אַ טאָג ווערט אַ סך שווערער.

אַזוי ווי די וואָך איז געווען אַ בר־מצוה ביי אונזער אַ באַקאַנטן[563], האָט דאָס מיר דערמאָנט אין דער בר־מצוה פון מיין עלטערן זון שליט״א מיט געזונט און הצלחה[564].

561) ראה לעיל ע׳ 000. [ג׳ כסלו].

562) תענית כט, סע״א.

563) כנראה הכוונה לבר מצוה של הרה״ת ר׳ שלום ישראל, בנו של מנהל המל״ח וראש מזכירות כ״ק אדמו״ר זי״ע הרה״ח וכו׳ ר׳ חיים מרדכי אייזיק ע״ה חדקוב, בש״פ יתרו, כ״ב שבט תשי״ט.

564) ראה לעיל ע׳ 000.

אַלע בר־מצוות זיינען ביי אונז שיין דורכגעגאַנגען, אָבער זיינע, איז געווען עפּעס באַזונדערס, ניט געוויינליך, עפּעס מיט אַ גרויסע התרוממות. עס איז געווען אין אונזער פאַמיליע די ערשטע שמחה.

די באַציאונג צו מיין מאַן ז״ל איז געווען זייער אַ גוטע, נאָך די חבלי־לידה פון די רבנות מיט די התנגדות פון עולמ׳שע און ציונים אַנטקעגן ליובאַוויטש, וואָס אין אים האָבן זיי דאָס געזען, און האָבן דאָס ניט געוואָלט דערלאָזן[565]. אָבער דאָס איז שוין געווען זיבן יאָר צייט וואָס מיר האָבן דאָרט געוואוינט, איז אונזער צד געווען שטאָלץ מיט אַלץ וואָס איז געווען געטאָן פון מיין מאַן, און דער צד שכנגד האָט אָפּט זיך געשלאָגן על־חטא. במילא האָבן זיי,ביידע צדדים, געהאַט אַ צייט אַרויסצווייזן זייערע געפילן.

ביי די גוטע פריינט איז דאָס געווען אַ שמחה־אמיתית, אַ געשמאַקע פריינטליכע צוגעבונדנקייט, אַ מחי׳דיקער טעם, ווי איך דערמאָן זיך איצט.

עס איז געווען שבת[497], און עס איז געווען אַ גרויסער עולם, מיר האָבן דעמאָלט געהאַט אַ גרויסן וואוינונג, אַלע צימערן זיינען געווען, ווי מען זאָגט, אָנגעפּאַקט. פון איינגעשאַפּט פלעגן אַנדערע אַוועקגיין און נייע מענטשן פלעגן אָנקומען.

עס איז אויך געווען ביי מיר פרויען און היבש יוגנט, און פון יעדער מין איז געווען פון אַלע שיכטן.

עס האָט זיך אָנגהויבן מסתמא צוועלף אַזייגער, איך געדיינק שוין ניט בדיוק געוויינליך, נאָך דער שול, די מענער זיינען געזעצן אין דעם גרויסן זאַל, און מיר זיינען דאָ געווען אין דער גרויסער סטאָלאָווע.

געוויינליך, איז געווען רייך צוגעגרייט, אי ביי די מענער אי ביי אונז, דאָס הייסט ביי די פרויען.

אַזייגער דריי־פיר האָבן זיך אָנגעהויבן ווייזן פאַרוויינטע פנימ׳ער פון עלטערע און יונגע. איך האָב געוואָלט אַ קוק טאָן אין זאַל צו זיך

565) ראה לעיל ע׳ 000.

דערוויסן וואָס איז די אורזאַך פון די טרערן, אָבער עס איז געווען אַזוי געדיכט פון קעפּ, אַז איך האָב גאָר ניט געקאָנט זען.

ווען איך האָב געפרעגט, האָט מען מיר דערציילט אַז דער פאָטער – דעם זון צו ליינגע יאָר – האָט ביי אים געבעטן ער זאָל אים געבען עפּעס אַ וואָרט.

איך בין דאָך דאָרט אינווייניק ניט געווען, ווייס איך ניט אין וואָס פאַר אַן אופן עס איז דורכגעגאַנגען. אָבער דער ענטפער איז ניט גלייך, ווייזט אויס, געגעבן געוואָרן. מען איז אַלע ארום געגאַנגען מיט גרויס התפעלות פון דער גרויסקייט פון אַזאַ יונגן אינגל, אַזויפיל זיך אויסרעכענען און זיין אָפּגעהיט מיט דעם ענטפער.

וואָס דאָרט איז געווען בפרטיות ווייס איך ניט, אָבער אַזייגער זעקס־זיבן, איך געדיינק עס איז שוין געווען ניט גאָר ליכטיק, זיינען די פאַרוויינטע פנימ'ער וואָס איך האָב געזען, געוואָרן זייער פריילין, און עס האָט זיך געהערט פון דאָרט אַזעלכע ריקודים און געזיינג, די שמחה איז געוואָרן אַזוי גרויס אַז עס האָט געווירקט אויף די וואָס זיינען דאָרט ניט געווען, עס האָט זיך געפילט אַז די התלהבות האָט עפּעס אַ גרויסן תוכן אין זיך, אִי די שאלה אִי דער נותן פון דער תשובה קענען זיך ליינג געדיינקען.

* * *

## שוין ניט געזעהן מיין יונגן זון 31 יאָר

### ב"ה חשון תשכ"א

די לעצטע צייט וויל איך ניט שרייבן. איך היט זיך פון אָנשטריינגען, עפּעס איז דאָס מיר שווער.

נאָר נעכטן איז געווען דער יום הולדת פון מיין איין־איינציק אייניקל, וועלכער עס איז, דאַנקען ג־ט, געוואָרן זעכצן יאָר ביז הונדערט און צוואַנציק. איך האָב גוטע גריסן, און פון צייט צו צייט בריף אין היברו [לשון קודש], וואָס איך האָב זייער הנאה, אָבער איך האָב איר קיין מאָל ניט געזען, ד.ה. איך קען איר ניט...

איר טאַטן האָב איך ניט געזען איין און דרייסיק יאָר[515], ומי יודע וואָס וועט זיין ווייטער?...

שווער וועגן דעם צו טראַכטן, עס גלוסט זיך אַביסל רעדן, נאָר ניטאָ מיט וועמען.

אַ גרויסן דיינק גאָט פאַר דעם זון זאָל לייגג לעבן, ער טוט פאַר מיר וואָס ער קען, און אפשר מער. ער ווערט וואָס אַמאָל מער פאַרנומען, ער רייסט אָפּ יעדער טאָג אַ פינף מינוט, און אַמאָל מער, און מיט דעם לעב איך. ת״ל פאַר דעם וואָס איך האָב.

* * *

## שוין דריי יאָר ניט געשריבן

### [ז״ך סיון, תשכ״ג]

מאָרגן ווערט זעכצן יאָר אַז איך בין אַהער געקומען אין אַמעריקא[486]. עס איז שפּעט ביינאַכט, וואָס איך היט זיך איצט מער־ווייניקער האַלטן אַביסל סדר, וואָס עס איז מיר בעסער צום געזונט, און בכלל צו מיין פילן זיך.

ווי איך זע, האָב איך שוין כמעט דריי יאָר דאָס ניט געטאָן, און שעם זיך.

איך בין ב״ה אַריין אַ זעקס חדשים נאָך שמנים ושלשה, און אַ דאַנק ג־ט פאַר דעם געזונט לפי־ערך, חאָטש די לעצטע צייט איז ניט גאָר געראָטן[566]

566) עד כאן נמצא בכתי״ק, ומסיימים בטוב.

**ב״ה, ח׳ אלול תשי״ח**

זה ימים אחדים שאני מתאווה מאוד לכתוב מעט. לאחרונה לא חשתי בטוב כל־כך, ותודה לא־ל שהדבר חלף.

אבל כשנטלתי לידי את המחברת, התעוררי בי ספק — שמא עלי לקרוע את הדברים שכתבתי קודם לכן: אם בני שליט״א יקרא זאת אי־פעם — למה לי להכאיב לו? אבל אף־על־פי־כן לא עשיתי זאת.

**ה׳ חשון [תשי״ט].**

עבר חודש תשרי. יתן השי״ת שכולם יהיו בריאים.

פיציתי את עצמי על מצבי באמצעות ההנאה מהישגיו של בני יחי׳. הדבר נתן לי חיות והנאה כה מרובות!

* * *

**[שלהי חשון תשי״ט].**

## יום־הולדתה של הנכדה היחידה

בימים אלו חל יום־הולדתה של נכדתי האחת והיחידה — דליה תחי׳[283]. מלאו לה ארבע־עשרה שנה, לאורך ימים ושנים טובות.

אינני מכירה אותה, ואת אביה לא ראיתי זה עשרים ותשע שנים[281]. זהו מקום שכואב לי מאוד, וה׳ יודע מה יהיה הלאה.

אינני רוצה לחשוב על כך, אבל אפילו מצד השכל בלבד — מבלי להביא בחשבון את הלב — הדברים אינם כלל כפי שהם צריכים להיות, על־פי כל הדעות.

לאחר כל מה שעבר עלי, ולאחר סוף כה מר שפקד את בעלי ז״ל... — גם את הנעשה ברוסיה אינני יודעת; אילו היו ידיעות טובות כלשהן, מאמינה אני שהייתי יודעת משהו על כך[320] — נראה לי שאני זכאית להתראות עמהם. נו, לך וסדר זאת!...

מכתבים — מקבלת אני לא לעתים קרובות. אני שמחה כשאני

---

320) ראה לעיל ע׳ 000. [ג׳ כסלו]

רואה את הכתב, אבל לדעת — אינני יודעת כמעט דבר ממה שאני מתאווה לדעת.

* * *

**מוצש״ק ר״ח אדר א׳ תשי״ט.**

## שמחת בר־המצוה של הרבי

מכיון שעכשיו הוא הזמן שבו מצפים לשבוע טוב, ובנוסף לכך ראש־חודש, ולא עוד אלא חודש אדר, שבו ״מרבים בשמחה״[321] — יש לכתוב מתוך מצב־רוח טוב.

ובכן, מאחר שאני יושבת לבדי בבית, ומצב־רוחי קודר למדי — החל מיום כ״ח בטבת נכנסתי לשנתי השבעים־ותשע; תודה לא־ל על שעד עתה אני שורדת עדיין במצב זה, ברוחניות ובגשמיות, אבל עם כל יום שעובר הדבר נעשה קשה יותר.

מאחר שבשבוע זה התקיימה שמחת בר־מצוה אצל אחד ממכרינו[322], הזכיר לי הדבר את שמחת בר־המצוה של בני בכורי, שליט״א מתוך בריאות והצלחה[323].

כל חגיגות בר־המצוה שהתקיימו במשפחתנו יפות היו, אבל זו שלו היתה משהו אחר, בלתי־רגיל, אירוע של התרוממות גדולה. היתה זו השמחה הראשונה במשפחתנו.

היחס אל בעלי ז״ל היה טוב מאוד. היה זה אחרי חבלי־הלידה של הרבנות, והתנגדותם של הלא־חסידים ושל הציונים לליובאוויטש, שהם ראו בבעלי את מייצגה, ולכן לא רצו לאפשר לו להתמנות לתפקיד. אולם באותה שעה מלאו כבר שבע שנים למגורינו בעיר, והצד שלנו היה גאה בכל מה שנעשה בעיר על־ידי בעלי, ואילו הצד שכנגד — לעתים קרובות הכה על־חטא. היתה זו, איפוא, הזדמנות לשני הצדדים להפגין את רגשותיהם.

עבור ידידינו הקרובים היתה זו שמחה אמיתית, אחוות־רעים מענגת, טעם מחיה־נפשות, כפי שאני נזכרת עתה.

---

321) תענית כט, סע״א.

322) כנראה הכוונה לחגיגת בר־המצוה של הרה״ת ר׳ שלום ישראל, בנו של מנהל המל״ח וראש מזכירות כ״ק אדמו״ר זי״ע הרה״ח וכו׳ ר׳ חיים מרדכי אייזיק ע״ה חדקוב, שהתקיימה בש״פ יתרו, כ״ב שבט תשי״ט.

323) ראה לעיל ע׳ 000.

החגיגה התקיימה בשבת[266], והשתתף בו ציבור גדול. היתה לנו אז דירה גדולה, וכל החדרים היו — כפי שנהוג לומר — דחוסים. מרוב צפיפות היו חלק מהמשתתפים עוזבים את המקום, וחדשים היו מגיעים. גם אצלי היו נשים ומספר ניכר של צעירות, ומכל מין היו מכל שכבות הציבור.

האירוע התחיל מסתמא בשעה שתים־עשרה — מובן שכבר אינני זוכרת בדיוק — אחרי התפילה בבית־הכנסת. הגברים ישבו באולם הגדול, ואנו הנשים היינו כאן, בחדר־האוכל הגדול.

כמובן, השולחנות היו ערוכים בהרחבה, הן אצל הגברים והן אצלנו, כלומר אצל הנשים.

בשעה שלוש־ארבע החלו להיראות פנים בוכיות של זקנים וצעירים. רציתי להעיף מבט אל האולם כדי לדעת מה הסיבה לדמעות, אך האולם היה דחוס כל־כך בראשים, עד שלא יכולתי לראות דבר. כששאלתי על כך, סיפרו לי שהאב ביקש מהבן — ייבדל לאורך ימים — שיבטיח לו דבר־מה.

מאחר שאני עצמי לא הייתי בתוך האולם, אינני יודעת באיזה אופן התנהלו הדברים. אבל, כך נראה, התשובה לא ניתנה מיד. הכל התהלכו בהתפעלות רבה מגדלותו של ילד כה צעיר, המסוגל להיות כה מחושב וכה זהיר בתשובתו.

מה היה שם בפירוט — אינני יודעת; אבל בשעה שש־שבע — אני זוכרת שהאור בחוץ כבר לא היה מלא — אותן פנים בוכיות שראיתי קודם לכן התמלאו שמחה רבה, ומתוך האולם נשמעו קולות של ריקודים ושירה סוחפים כל־כך...

השמחה הפכה גדולה כל־כך עד שהשפיעה גם על אלו שלא היו שם. הורגש שבתוך־תוכה של התלהבות זו טמון תוכן רב־משמעות, ושהן השאלה והן נותן התשובה עשויים להיזכר לאורך ימים.

* * *

**ב״ה חשון תשכ״א**

## חמש דקות של חיים

בזמן האחרון אין בי רצון לכתוב. אני נזהרת מהתאמצות־יתר. הדבר קשה עבורי.

רק אתמול חל יום־ההולדת של נכדתי האחת והיחידה, שמלאו לה,

תודה לא־ל, שש־עשרה שנה, עד מאה ועשרים. אני מקבלת דיווחים טובים, ומפעם לפעם מכתב בעברית [לשון קודש], שאני נהנית ממנו מאוד, אבל מעולם לא ראיתיה, כלומר — אינני מכירה אותה...

את אביה לא ראיתי זה שלושים ואחת שנה[281], ומי יודע מה יהיה הלאה?...

קשה לחשוב על כך. אני מתאווה לשוחח על כך, אך אין לי עם מי.

רבה תודתי להשי"ת על בני, שיחיה לאורך ימים. הוא עושה עבורי כל שביכלתו, ואולי יותר. ככל שהזמן חולף הוא נעשה עסוק יותר ויותר. מדי יום הוא מקמץ למעני חמש דקות מזמנו, ולפעמים יותר, ובזכותם אני חיה. ת"ל על מה שיש לי.

**[ז"ך סיון, תשכ"ג]**

מחר ימלאו שש־עשרה שנה מאז בואי לכאן, לאמריקה[261]. השעה מאוחרת בלילה, ולאחרונה אני מקפידה לשמור, פחות או יותר, על קצת סדר־יום — דבר שהוא טוב יותר לבריאותי, ולהרגשתי בכלל.

כפי שאני רואה, זה כמעט שלוש שנים שלא עשיתי זאת, ואני מתביישת בכך.

ב"ה, נכנסתי כבר לחודש השישי לאחר שמלאו לי שמונים־ושלוש שנים, והנני מודה להשי"ת על בריאותי לפי־ערך, אם־כי בזמן האחרון המצב אינו מזהיר במיוחד[324]

324) עד כאן נמצא בכתי"ק, ומסיימים בטוב.

נדפס על ידי ולזכות

**יוסף יצחק הכהן** בן **רישא**

וזוגתו **נחמה דינה** בת **מלכה רייזל**

**אוריאל צבי הלוי** בן **גיטל עטל**

וזוגתו **בתי'** בת **שרה מינדל**

**שלום דובער** בן **רבקה נעמי**

וזוגתו **אסתר** בת **מרים**

**בנימין** בן **חדוה**

וזוגתו **רבקה רחל** בת **אסתר שיינדל**

ומשפחתם שיחיו לאריכות ימים ושנים טובות

להצלחה רבה ומופלגה בטוב הנראה והנגלה

בכל אשר יפנו בגשמיות וברוחניות

ולנחת רוח יהודי חסידותי מתוך שמחה וטוב לבב